שנה ג'
נומער קכ"ט
**פרשת נשא**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל



# פריילינכע טענץ מוצאי שבועות אין שטעטל

### א סעודה מיטן ראש ישיבה:
## אפילו אין די היצן גיי איך אויך דאווענען ביים רבי'ן

### א מעשה פון א צדיק:
## איך נוץ די עצות, און דו ניצט נישט די עצות



פרישע תלמידים אין תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**

718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**

845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM

# בריוו צו דער רעדאקציע

## שבועות בלעטל

לכבוד מערכת קרית ברסלב בלעטל.

איך וויל אייך באדאנקן פון טיפענייש פון הארץ פאר די הערליכע אינהאלטסרייכע אויסגאבע וואס איז ארויסגעקומען לכבוד יום טוב שבועות, איך האב מיר באלעקט מיט יעדן ארטיקל עקסטער, דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן מיט אלעס גוטס.

אזוי ווי איך וואוין אין ארץ ישראל און גאר אסאך קענען נישט ליינען די אידישע שפראך, אפילו די וואס קענען יא ליינען, איז עס אבער שווער צו ליינען געשמאק און פליסיג.

איך האב געטראכט פון א געדאנק, אויב עס איז שייך צו איבערטייטשן די שבועות בלעטל אין לשון קודש, און דאס ארויסגעבן פאר קומענדיגן יום טוב, אזוי וועלן זיך נאך הונדערטער אידן מחי' זיין און הנאה האבן פון דעם.

אויך קען מען שרייבן אן ארטיקל פון די השתלשלות וויאזוי עס האט זיך אנטוויקלט אזא שיינע הערליכע חבורה דא אין בני ברק, אנשי שלומינו וועלן זייער הנאה האבן פון דעם.

חזקו ואמצו מיט אייער הייליגע ארבעט.

י.ד.ב. בני ברק

# זמנים Liberty

**פרשת נשא י״ב סיון תשפ״ב**

**הדלקת הנרות** ................ 08:14
**מוצאי שבת** ..................... 09:45
**מנחה מעריב בהעלותך**....... 9:15

**דאנערשטאג מנחה 8:45. מעריב נאכ'ן שיעור**


# ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמן א חושבע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו״ה נחמן שמואל יאקאבאוויטש הי״ו**
**וזוגתו אסתר תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל.


# וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 10 | **71°**/52° | | Partly Cloudy |
| Sat 11 | **64°**/51° | | Showers |
| Sun 12 | **70°**/51° | | Mostly Cloudy |
| Mon 13 | **70°**/51° | | Partly Cloudy |
| Tue 14 | **75°**/55° | | Mostly Sunny |
| Wed 15 | **78°**/59° | | Partly Cloudy |
| Thu 16 | **79°**/59° | | Partly Cloudy |
| Fri 17 | **77°**/57° | | Isolated Thunderstorms |



# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת במדבר?

## פון אויבן אראפ.

1. אונזער זאך איז זיין _____
2. גיי נישט שלאפן פאר'ן לערנען דעם _____ _____
3. דיין גאנצע פראבלעם איז אז דו ביסט נישט _____
4. _____ נעמט אוועק שרעק
7. עס איז זייער וויכטיג זיך צו דרייען צווישן _____ _____ ברסלב'ע חסידים
9. _____ וועט דיך רייניגן פון אלעם שלעכטס
10. גייט פארשפרייטן דעם רבינ'ס _____ פאר בחורים און אינגעלייט
12. מיט תפילה באקומט מען _____ ווי אזוי צו האנדלען אין שטוב
14. רבי נתן הויבט אן טאנצן, ער שרייט, א _____ תורה!
15. גיי א טענצל, טאנץ און פריי זיך מיט די _____ וואס דו טוסט
17. _____ איז לעבן פאר אנדערע, טראכטן וואס מענטשן וועלן זאגן

## פון ראכטס צו לינקס.

5. וואו איז די פרייליכסטע פלאץ? _____!
6. נישטא נאך א זאך וואס _____ דעם איד, נאר די הייליגע תורה
8. _____ איז די שליסל אריינצוקומען צו די קדושה
11. דער ברסלב'ע _____ דערמאנט פונעם אייבערשטן
12. אז מען איז זיך מתבודד קומט ארויס דאס _____ און מען ווערט ריין
13. מען ווערט שוין גערייניגט פון נאר _____ לערנען זוהר
16. רעד פונעם אייבערשטן, רעד פונעם רבינ'ס _____
18. אנגעצויגנקייט ביי די ארבעט, איז נישט קיין _____ צו שרייען אויף די ווייב
19. גיי א _____, טאנץ און פריי זיך מיט די מצות וואס דו טוסט



שמאי שטראוס

# א אויסגעקלאפטע פוטער ברויט

## גאסט ארטיקל

את חטאי אני מזכיר היום. היינט צופרי בין איך אויפגעשטאנען שפעטליך, זייענדיג גרייט אז איך וועל שוין סיי ווי כאפן פון מיין בעל הבית, איז לאמיך שוין אריינכאפן עפעס גוטס אינעם טאג, איך בין מחליט צו בלייבן אביסל לענגער אין בית המדרש, איך וועל לערנען מיינע שיעורים. איך קלייב מיר אויס מיינע טייערע אוצרות פון די פאליצעס, א משניות, א חומש, א תהילים, און גמרא, איך זעץ מיך צו א פיינע סעודה, איך עס פרקים משניות און טרינק קאפיטלעך תהילים.

נעבן מיר זיצט איינער וואס ווי עס זעט אויס האט ער שוין אלעס פראבירט. דאס גוט מזל זיינער האט אים פאריאגט פון יעדע סארט ארבעט, ער האט שוין - העכסט ווארשיינליך - באקומען אלע נויטיגע דאקומענטן וואס טוען באשטעטיגן זיין קוואליפיקאציע צו פארברענגען זיין טאג אין בית המדרש, ווען צווישן איין קאווע אין צווייטן טוט ער אנווייזן א שיין שטיקל נועם מגדים פאר א יונג בחור'ל... זאגנדיג דערביי: "לערן דעם שטיקל וועסט הנאה האבן" אדער מיטטיילן א שיינער געדאנק וואס איז אים ממש יעצט בייגעפאלן - נאכן זען דעם געדאנק אין א חסידיש ספר.

דער בחור וואס איז געזעצן נעבן אונז ביידן איז געווען מזל'דיג אז ער איז אפגעקומען בלויז מיט א חידה.

"זאג נאר בחור'ל" - הער איך זיין פרעגנדיגע שטומע - "האסט דאך א גמרא קאפ, איך קען דיר פרעגן א חידה?" דער בחור'ל נישט האבנדיג עפעס בעסער וואס צו טון ענטפערט מיט נישט ווייניג פרייד אז איינער מאכט זיך וויסנדיג פון אים: "נו אדרבה לאמיר הערן". "איז לאמיך דיר פרעגן, דו שמירסט דיר אן א ברויט, שמירסט עס אן מיט פיטער, יא? איז ווי אזוי לערנט מען דאס אפ, צו זאגן מיר אז די פוטער איז אויפן ברויט, אדער גאר דער ברויט איז אונטער'ן פוטער...?"



איך הער די שמועס זיך ציען ווייטער, דער בחור מיט א גמרא ניגון ענפערט אים "למאי נפקא מינה?"

דער איד קראצט זיך די קאפ, ער האט אים געשטעלט אין א ספא"ט, למאי נפקא מינה אעע אהה, ער קלערט ווי אזוי זיך ארויסצוזען פונעם געשאפענער פראבלעם.

איך האב הנאה געהאט צו זען אז דער בחור איז אים געקומען צו הילף: "איך

וועל אייך זאגן למאי נפקא מינה" זאגט דער בחור צום פענסיאנערער איד.

איךווארט צו הערן דער ישיבה'שער ענטפער... "נפקא מינה" - דרייט ער מיטן דיקן פינגער - "לביטולא זמנה..." און שפינט ווייטער דעם תירוץ מיטן גמרא ניגון, "אז א בחור האלט נישט ביים לערנען, און די טאג איז אים לאנגווייליג, וועט אים די שאלה מאכן א נפקא מינה ווי אזוי ער קען פארטרייבן אביסל צייט און צוקוועטשן דעם גמרא..."

דער איד גיבט זיך א צולאך, זעט אויס אז ער איז אויך צוקוועטשט געווארן אין ישיבה פון די פולע קוועטשערייען אין די גמרא, "יא" שטומט ער צו, "גוט געזאגט נפקא מינה לביטלא זמנה".

ברוך השם אז איך האב זוכה געווען אביסל אריינכאפן מיינע שיעורים, א בלאט גמרא, אביסל משניות און תהילים, אבער דער שמועס האט ערוועקט מיינע זכרונות צו א שמועס וואס איך האב געהערט דעם שבועות.

עפעס ענדליך איז עס צו די שאלה וואס דער איד האט געשטעלט פארן בחור, עס זענען דא צוויי וועגן ווי אזוי מען קען אנקוקן א זאך, יא, איך דערמאן מיך שוין וועלכע שמועס.

פרייטאג צונאכטס ערב שבועות האב איך געדאוונט צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין בית המדרש "אשר בנחל" אויף די דענמאן גאס, איך בין אויך געווען א חלק פון די געסט וואס זענען געקומען צום ברסלב'ער שטעטל אויף שבועות, להסתופף בצילו פונעם ראש ישיבה שליט"א, שפרייזנדיג אהיים פון בית המדרש מיט'ן ראש ישיבה צוזאמען מיט אנשי שלומינו, האב איך אויך צוגעלייגט מיינע צוויי אויערן, פראבירנדיג אויפצוכאפן כאטש עפעס פונעם שיינעם שמועס, אפשר וועט זיך אין מיר עפעס אנקלעבן פון די שיינע שיחות חולין של תלמידי חכמים.

עס שפאצירט די גאנצע גרופע אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה, איך הער פערל ווערטער, דער ראש ישיבה זאגט: "הושענא רבה נאכ'ן דערהויבענעם דאווענען שטייען צוויי מענטשן און פארקוקן זיך אויף די נארוואס אויסגעקלאפטע הושענות וואס ליגן העכער'ן ארון הקודש, איינער קוקט אויף דעם מיט התפעלות, "או ווא, עס איז טאקע א אויסגעקלאפטע הושענא, אבער נאך אלעם ליגט ער אין א מקום קדוש העכער'ן ארון הקודש".

דער צווייטער ווידעראום קוקט דערויף מיט אנדערע ברילן "זע נאר דעם צוקלאפטן הושענא נעבעך, ער ליגט אויפן ארון הקודש און גארנישט... ער איז געבליבן דער זעלבער אויסגעקלאפטע הושענא".

דער שמועס האט זיך געצויגן איבער דעם וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער איז שוין מתפלל א לאנגע צייט, ער זאל זוכה זיין צו מאכן א פירוש אויף זוהר אין די אידישע שפראך, דער

זוהר איז דאך אזא שיינע מוסר ספר, פול מיט התחזקות, דער הייליגער רבי זאגט אז אפילו נאר די לשונות פון זוהר אליין וועקט אויף אין א מענטש א שטארקע בענקשאפט צום אייבערשטן.

עס זענען דא טאקע אינעם זוהר אסאך קבלה שטיקלעך וואס איז שווער צו פארשטיין, אבער רוב זוהר איז ווי דער הייליגער רבי שמעון בר יוחאי ברענגט ארויס די רחמנות און ליבשאפט פועם אייבערשטן צו די אידן, און די ליבשאפט פון אידישע קינדער צום אייבערשטן.

**דער זוהר איז פול מיט עצות, פול מיט חיזוק,** אבער עס ווענדט זיך מיט וואספארא ברילן דו לערנסט עס, דער ראש ישיבה גיבט א דוגמא פון א שטיקל זוהר וואס מוהרא"ש זי"ע פלעגט כסדר חזר'ן מיט אונז, א מענטש וואס ליינט קריאת שמע פאר ער גייט שלאפן מעקט ער אפ אלע עבירות וואס ער האט געטון יענעם טאג, דאס זענען די טריקענע ווערטער פון הייליגן רבי שמעון בר יוחאי, הערנדיג אזעלכע ווערטער, ווער וויל דען נישט אנהייבן ליינען קריאת שמע.

ווידער זענען דא מאנכע וואס ציטירן דעם זעלבן שטיקל זוהר, אבער זיי קוקן דערויף מיט אן אנדערן בליק אינגאנצן. ווי קען דאס זיין אז א איד זאגט אפ די ווערטער פון קריאת שמע איידער ער גייט שלאפן איז ער זוכה צו אזעלכע גרויסע זאכן? מען מוז אריינשמאגלען דארט א ווארט צוויי... "ווער עס ליינט קריאת שמע מיט "ריכטיגע כוונה" דער איז זוכה צו כפרת עוונות". דאס איז שוין גאר עפעס אנדערש, אמת'ע כוונה דאס דארף איך שוין זען צו איך האלט דערביי, עס ווענדט זיך שוין אין פארשידענע פאקטן.

עס איז געווען א געשמאקע וועטער און א געשמאקע שמועס, און ווי עס גייט א שמועס איין זאך דערמאנט דעם צווייטן, האבן מיר זיך דערמאנט וואס מוהרא"ש פלעגט דערציילן פרשת בחוקותי. דער הייליגער בעל התניא זי"ע פלעגט זיין בעל קורא אין בית המדרש, מאכט זיך אמאל פרשת בחוקותי דער הייליגער בעל התניא איז אוועקגעפארן אויף שבת, ווען עס איז געקומען צו ליינען די תוכחה האט דער הייליגער צמח צדק זי"ע - אן איניקל פונעם בעל התניא - אוועק'געחלש'ט, ער האט אלע יארן געהערט ליינען די תוכחה פונעם זיידן אבער ער האט קיינמאל נישט געהערט די אלע שרעקליכע זאכן וואס דער בעל קורא האט דא געליינט.

א צדיק ליינט די תוכחה מיט אנדערע ברילן, מענטשן ציטערן פון די תוכחה, בעת די תוכחה איז דאך אזוי שיין, אזוי זיס, אזוי רחמנות'דיג, עס איז איין שטיק רחמנות פונעם אייבערשטן, דער אייבערשטער בעט זיך צו זיינע קינדער "**א לעבן אן די תורה איז א טויטע לעבן,** אן תורה און מצוות קענסטו אלעס האבן, אבער דיין גאנצע לעבן איז איין שטיק שטראף, בוקר יאמר מי יתן ערב, וערב יאמר מי יתן בוקר, א לעבן וואס איז אן דעם באשעפער אזא לעבן



איז ערגער פונעם טויט".

נישט אומזיסט האבן צדיקים געזען אין די תוכחה נאר ברכות, וואס קען זיין א שענערע ברכה פאר א מענטש וואס הייבט אן זיין לעבן און עמיצער רוימט אים אריין אין אויער דעם סוד: "זאלסט וויסן אויב דו ווילסט א גוט לעבן קוק נישט קיין שום זאך וואס דער גוי ווייזט, די וועסט האבן דער גהינום אויף דער וועלט".

יעדע מענטש וויל האבן א גוט לעבן, און א מענטש איז גרייט אויסצוהערן וואס עס מאכט דאס לעבן ווערן גוט, און וואס עס מאכט דאס לעבן ערגער פונעם טויט. צומאל דארף מען עס זאגן מיט א שטרענגן טאן, ווי א רחמנות'דיגע טאטע הייבט זיין קול אויף זיין קינד וואס פארשטייט נישט פארוואס ער טאר נישט שפילן מיט די בליטשקעדיגע פייער. פיל מאל פארשטייען מיר נישט די שעדליכקייט פון א לעבן אן דעם אייבערשטן, די תוכחה איז פשוט א טעכנישע זאך וואס פאסירט ווען מען שפילט זיך מיט פייער, און ווען א צדיק ווארנט אונז דערוועגן, שפירט זיך אין די ווערטער אזא זיסע געשמאקע רחמנות פונעם אייבערשטן.

"**עיני ה' אל צדיקים**" - טייטשט דער הייליגער רבי אין ליקוטי מוהר"ן - די ווערטער פון תהילים, א צדיק האט דעם אייבערשטן'ס אויגן, ער קוקט אויף יעדע זאך אזוי ווי דער אייבערשטער קוקט דערויף.

מען קען צעלייגן דעם געהויבענעם שבועות אויף קליין געלט, דער ראש ישיבה האט סערווירט אזעלכע פיינע געשמאקע מאלצייטן, (ווער געדענקט קאראנא, ווען דער ראש ישיבה האט געטיילט עסן...) שמאלץ איז גערינגען פונעם שור הבר און לוויתן וואס מיר האבן געגעסן, אבער בלא כלום אי אפשר, איך האב געטראכט אז כאטש א לקח אין ברוינפן עפעס א לייכטער איבערבייס, געבן פארן עולם עפעס א טעימא קלה פונעם הערליכן יום טוב אין קרית ברסלב, עס זענען טאקע געווען פיינע געשמאקע שיעורים, דרשות, שטיקער בשר... שטיקער שכל האט מען דא געטיילט, אבער קודם א לחיים קען מען דאך מאכן.

לאמיר גיין אויספיצן די ברילן, לאמיר טוישן די שווארצע ברילן, (נישט די פרעים, די פרעים גיי ווי אזוי דו גייסט, נאר די גלאז לאמיר אויספיצן) טרעפן אין יעדע זאך די רחמנות פונעם אייבערשטן.

און אז דו ביסט א אויסגעקלאפטע הושענא, כאפ דיך ארויף אויפן ארון הקודש, זאג א פרק משניות, א קאפיטל תהילים, עפן א גמרא.

איין מינוט פארגעס נישט צו עסן א פיינעם פרישטיג, זאל זיין פוטער אויפן ברויט אדער ברויט אונטערן פוטער, נישט משנה, דער עיקר א גוטן אפעטיט.



# שטעטל נייעס

## פאטהאולס אין שטעטל פארראכטן ב״ה



דער שווערער ווינטער וואס האט זיך יעצט געענדיגט צום גוטן ברוך השם, האט איבערגעלאזט די שאסייען אין שטעטל שטארק צו׳מזיק׳ט פון די שנייען און רעגן, און גיסן זאלץ מיט זאמד. פילע טייער שאפס אין געגענט האבן שיין פארדינט פון די לעכער וואס די רעדער האבן באקומען פון די פילע טיפע גרובער וואס האבן זיך געשאפן אין שטעטל במשך דעם ווינטער.

צוזעענדיג דעם מצב האבן זיך די חברי ההנהלה געוואנדן צום טאון, צו שתדל׳ען ביי זיי מען זאל דאס אלעס וואס שנעלער קומען פאררעכטן, בפרט ווען דער זומער איז שוין כמעט דא, ווען עס קומען צו פארן הונדערטער געסט פון איבעראל, דער שטעטל ווערט איבערגעפולט פון אנשי שלומינו וואס ווילן נישט פארפאסן א זומער אין שטעטל צוזאמען מיט׳ן ראש ישיבה, וואס ברענגט אריין אין אונז אלע א ווארימקייט צו רעדן צום אייבערשטן און א געשמאק צו די הייליגע תורה.

אויך האבן די איינוואוינער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל ווערן פארראכטן ווי אמשנעלסטן.

דער אייבערשטער האט געהאלפן אז די שטאטישע באאמטע האבן זיך צוגעהערט צו אונזער פארלאנג, און אראפגעשיקט ארבעטער וואס זאלן איבערגיין מיט די עסקנים אלע גאסן, מען האט נישט אויסגעלאזט קיין איין ווינקל אין שטעטל, און זיי אנגעצייכנט איבעראל ווי עס דארף ווערן פארראכטן.

מיט אפאר וואכן צוריק האבן זיך טאקע אנגערוקט א גאנצע שטאב ארבעטער מיט טראקס, און אלע אנדערע כלים מיט וואס מען פאררעכט די וועגן, זיי האבן זיך גענומען צו די ארבעט, און אזוי האט זיך עס געצויגן ביז היינט, ווען דער לעצטער פאט-האול איז ברוך השם געווארן פארראכטן צו די צופרידנהייט פון אלע איינוואוינער און באזוכער.

אבער, מאכט נישט קיין טעות; דער ברסלב׳ער שטעטל באשטייט נישט פון שיינע ראודס. עס איז בכלל נישט איבער שיינע הייזער, אדער פאר ווער עס זוכט עפארדעבל דירות. אוודאי מיט תפילה העלפט דער אייבערשטער אז מען באקומט דאס אלעס און נאך אסאך מער.

די אידן וואס קומען ארויס וואוינען אין שטעטל קומען פאר איין זאך, מען זוכט א ריינע ערליכע ווינקל, א שטאט ווי אלע רעדן צום אייבערשטן, פארציילן מעשיות פון תפילה איז א ארויפגעקוקטע זאך צווישן די איינוואוינער, מען שעמט זיך נישט צו רעדן צום אייבערשטן און פון אייבערשטן. דאס ציעט די אלע אידן אהער, און נאר דאס פארקויפט די פלאץ.

ברוך השם, די אחדות וואס דאס שטעטל פארמאגט איז עפעס וואס איז נישט צום באשרייבן, אין די קורצע דריי יאר זינט דער שטעטל האט זיך געגרינדעט, פונקציאנירט שוין דאס שטעטל מיט אלעס וואס א אידישע שטעטל דארף האבן. אלע סארטן חסד ארגאניזאציעס, הפצה אקטיוויטעטן, בית מדרשים, מקוואות, הצלה, טראנספארטאציע.

ועל כולם, א שטעטל ווי מען לעבט און מען אטעמט אמונה, א פלאץ ווי א פלאץ ווי יעדער שטרעבט און מען טראכט נאר וויאזוי קען איך העלפן נאך א איד צו לעבן מיטן אייבערשטן.

## היכל הקודש
# נייעס

אומאן

## מען בויעט ווייטער די זעקסטע שטאק ביים בנין היכל הקודש אין אומאן



ווי די איינוואוינער אין אומאן געבן איבער, שפירט זיך בכלל נישט די מלחמה אינעם גאנצן געגנט. די זעלבער זאך הערט מען פון די פילע אידן וועלכע פארן כסדר אויף די מקומות הקדושים אין אוקראינע אין די יעצטיגע טעג, אז די ווערטשאפט אין יענע געגנט איז ממש רואיג; עס זענען נאך טאקע נישטא קיין אפענע עירפארטס אין אוקראינע, מען דארף דערוייל פארן צו איינע פון די מערב אייראפעאישע לענדער און פון דארט אריינפארן מיט א קאר, אבער ווי מען זאגט זענען די וועגן פון פוילן, אונגארן, רומעניע און מאלדאווע קיין אומאן זייער רואיג און שטיל.

דער ראש ישיבה האט געזאגט "אזוי ווי עס זעט אויס וועט מען בעזרת השם יתברך קענען פארן קיין אומאן אויפ'ן קומענדיגן ראש השנה, דערפאר זאל מען צוגרייטן דעם בנין געהעריג מיט אלע געברויכן אויף ראש השנה, סיי דער בית המדרש, די קאך, די מקוה, די וואסער, עסן, און אזוי ווייטער".

אין די טעג גייט שוין די ארבעט אן העפטיג איינצורישן דעם בנין פאר אנשי שלומינו מיט אלע געברויכן, מען גרייט אן די וואסער סיסטעם, מען באשטעלט דאס עסן, מען פארעכט וואס עס פעלט אויס, מען גרייט צו דעם בנין אויפצונעמען די הונדערטער אידן תלמידי היכל הקודש זאל האבן א פיינע אכסניא בעזרת השם, אין די טעג וואס מען וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף וויילן אין אומאן אויף קומענדיגע ראש השנה תשפ"ג הבא עלינו לטובה.

אזוי אויך, צוליב די גרויסע צאל פון פרישע מקורבים ווי מען האט געזען פונעם גרויסן געדרענג פונעם פארגאנגענעם יאר, ווען מען האט געדארפט אפזאגן זייער אסאך אנשי שלומינו - נאכדעם וואס עס איז שוין נישט מעגליך געווען אריינצונעמען נאך מענטשן - האט דער ראש ישיבה געהייסן מען זאל דאס יאר ענדיגן בויען דער זעקסטער שטאק אינעם בנין, וואס מען פלאנט מיטן אייבערשטנ'ס הילף פולקאם צו ענדיגן אויף ראש השנה תשפ"ג. דאס וועט זיין דער פערטער שטאק פון שלאף צימערן פונעם בנין.

ערליכע אידן בכלל און ברסלב'ע חסדים בפרט ווייסן און געדענקען אז קיין שום זאך קען מען נישט דערגרייכן אן תפלה, און זיכער נישט אזא גרויסע זאך ווי זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה, וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט דערויף "וואס זאל איך אייך זאגן, קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פאראהאנען, קיינער טאר נישט פעלן", איז זיכער אז מען דארף דערויף מאכן אסאך תפילה. און דאס איז געזאגט געווארן אפילו אין א געווענדליכע יאר. כל שכן אין אזא יאר, ווען דער סמ"ך מ"ם פרובירט זיך צו פארלייגן אויף די לענג און אין די ברייט אפצוהאלטן דאס קומען קיין אומאן אויף ראש השנה, דארף מען זיכער מאכן נישט אויסלאזן קיין געלעגענהייט פון בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל האבן די זכיה אויך דאס יאר אנצוקומען צום הייליגן רבינ'ס ציון. און מיט תפלה קען מען אלעס פועל'ן.

בארא פארק

## ראש ישיבה שליט"א האט געגעבן ליל שישי שיעור אין נייעם בית המדרש אין בארא פארק

די ברייט באקאנטע וועכנטליכע בארימטע "ליל שישי שיעור" פון ראש ישיבה שליט"א איז א מאגנעט וואס ציעט יעדע וואך פילע הונדערטער אינגעלייט וואס באקומען פון דעם שיעור הדרכה און עצות וויאזוי אנצוגיין ווייטער און אנצוהייבן פון פריש דינען דעם אייבערשטן.

ערב שבועות האט דער ראש ישיבה געגעבן דעם שיעור אינעם נייעם בית המדרש אין היכל הקודש בארא פארק, און גאר שיין ארום גערעדט עצות און חיזוק פון די הייליגע תורה, וויאזוי אויך אונז אין אונזער שווערע מצב קענען אויך מקבל זיין די תורה, און אויך באקומען די אלע גוטע מתנות און סגולות וואס קומט מיט'ן לערנען די הייליגע תורה.

אויב געפונט איר זיך שבת אין בארא פארק, פרובירט אויס דעם געשמאקן ווינקל, וואס פון דארט קומט ארויס חיזוק מיטצונעמען פאר די גאנצע וואך, אדרבה איבערצייגט אייך אליינס.

דער בית המדרש געפונט זיך אויף 4801 11 עוו.



# מעשיות פון תפילה

## מרדכי לייב
## טירנויער - קרית יואל:

**א)** איך בין געווען ביים אוהל אין קווינס זיך אויסבעטן אלעס גוטס, איך האב מיטגענומען מיין קרעדיט קארד מאשין וואס איך נוץ צו צאמנעמען געלט פאר די ישיבה.

אויפ'ן וועג אהיים האב איך זיך געכאפט אז די מאשין איז נישט מיט מיר, ווי עס שיינט האב איך עס איבערגעלאזט אין אוהל. איך האב זיך נישט פארלוירן נאר גלייך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל טרעפן די מאשין גרינג און שנעל.

שכח אייבערשטער אז נאך א קורצע צייט רופט מיר אן איינער וואס וואוינט דארט אין געגנט אז ער האט געטראפן די מאשין. שכח אייבערשטער.

**ב)** איך האב געהאט אן אפוינטמענט פאר א ראוד טעסט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עס דורך מאכן גרינגערהייט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער, העלף איך זאל דורך מאכן די טעסט גרינג ווייל אויב וועל איך האבן לייסענס וועל איך קענען טון פיל מער הפצה". שכח אייבערשטער אז איך האב אדורך געמאכט די טעסט גאר גרינג.

## ישראל פוקס - קרית ברסלב:

שכח אייבערשטער אז איך וואוין אין שטעטל, וואוינענדיג דא אין שטעטל האב איך געזען אז אויב איך וועל האבן א קאר וועט מיר גאר שטארק גרינגער ווערן צו קומען און גיין, העלפן מיין ווייב און אזוי ווייטער.

וואס טוט א ברסלב'ער חסיד ווען מען דארף עפעס? יא, גוט צוגעטראפן, מען בעט דעם אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, טאקע דאס האב איך געטון. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער, איך דארף האבן א קאר, העלף איך זאל שנעל טרעפן א גוטע קאר, איך זאל עס קענען שנעל קויפן און איך זאל האבן די גאנצע געלט דערפאר ווייל איך קען נישט קויפן א פיינענ"ס (וואס מען באצאלט יעדן חודש צוביסלעך). איין טאג רופט מיר אן א באקאנטער פון קרית יואל, גאר א וואוילער איד, אז ער ווייסט איך דארף א קאר און איך דארף אראפלייגן די געלט פון פאראויס, ער וויל מיר ארויסהעלפן שאפן די געלט. און ברוך השם צוזאמען האבן מיר טאקע געשאפן א גרויס חלק פון די געלט.

איין טאג רופט מיר מיין נעפיו פון מאנסי אז ער האט געזען א גוטע קאר צו פארקויפן פאר א גוטע פרייז. איך בין איך עס געפארן קוקן, שכח אייבערשטער ס'איז געווען א גוטע קאר נישט צו אלט און איך האב געהאט די גאנצע געלט, דאס קויפן איז געווען גאר גרינג, נאך אינעם זעלבן טאג בין איך שוין אהיימגעפארן מיט די נייע קאר.

שכח אייבערשטער פאר די מעשיות פון תפילה ביי יעדע ריר.

## שלום יוסף ניישטיין - קרית ברסלב:

איין טאג צוריקקומענדיג פון קרית יואל קיין שטעטל האב איך זיך אפגעשטעלט פאר אפאר מינוט ביי אן עקזיט בערך 20 מינוט פון שטעטל. ווען איך האב געוואלט ווייטער פארן האט די קאר זיך עפעס נישט געוואלט רירן פון פלאץ, די קאר איז נישט געפארן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל זיך שנעל זען אינדערהיים מיט די קאר.

איך האב גערופן חברים, שכח אייבערשטער אז זיי זענען געקומען גאר שנעל, ווען זיי האבן געטראפן די פראבלעם האבן זיי מיר געזאגט אז זיי קענען עס נאר פאררעכטן אויף צייטווייליג איך זאל קענען אנקומען אהיים, שכח אייבערשטער זיי האבן געטון וואס מען דארף און איך האב געקענט אנקומען בשלום אהיים.

אנקומענדיג אהיים האב איך באשטעלט די שטיקל וואס איך האב געדארפט צו קענען פאררעכטן די קאר, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען אליין פאררעכטן און נישט דארפן צאלן אסאך געלט פאר איינער זאל עס טון. שכח אייבערשטער אז די שטיקל איז שנעל אנגעקומען און איך האב עס פאררראכטן.

אינמיטן פאררעכטן זענען אפאר פון די קליינע שרויפן אריינגעפאלן אין א גאר שמאלע פלאץ האב איך ווידער געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עס קענען גרינג ארויסנעמען, און ברוך השם איך האב געטראפן א וועג פון אונטן עס צו קענען ארויסנעמען און אזוי האב איך ווייטער געקענט ענדיגן פאררעכטן די פראבלעם פונעם קאר.

שכח אייבערשטער פאר אלע מעשיות פון תפילה!

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פְּרָשַׁת נָשׂא, י"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט **צוּלֵייגְן אַ הַאנְט צוּם קַאמְפֵּיין** וָואס מִיר מַאכְן דִי וָואךְ פַאר דִי מוֹסְדוֹת, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן בְּלֵב וָנֶפֶשׁ מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר.

רוּף יֶעצְט אָן ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן רֶעד מִיט אִים וָואס דוּ קֶענְסְט אַנְטֵייל נֶעמֶען אִינֶעם קַאמְפֵּיין, שְׁטֵיי נִישְׁט אִין דִי זַייט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה ט:): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (קֹהֶלֶת א, טו): **"וְחֶסְרוֹן לֹא יוּכַל לְהִמָּנוֹת", זֶה שֶׁנִּמְנוּ חֲבֵרָיו לִדְבַר מִצְוָה וְלֹא נִמְנָה עִמָּהֶם**; אַז מֶען שְׁטֵייט אִין דֶער זַייט וֶוען דִי חֲבֵרִים אוּן תַּלְמִידִים טוּעֶן אַ גוּטֶע זַאךְ אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע פַארְלוּסְט פַאר'ן מֶענְטְשׁ.

אִיךְ בִּין מְקַיֵּים מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס מוֹהַרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן קֵיין קִינְדֶער פוּן חֵדֶר, מֵיידְלֶעךְ פוּן סְקוּל אוּן בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה - וֶוען דִי עֶלְטֶערְן צָאלְן נִישְׁט קֵיין שְׂכַר לִימוּד; דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכְן בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד צוּ מְקַיֵּים זַיין, ווַייל מֶען בַּאווַייזְט מִיר פוּן אָפִּיס יֶעדְן חוֹדֶשׁ וֶוער עֶס צָאלְט אוּן וֶוער עֶס צָאלְט נִישְׁט, אוּן עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז **עֶלְטֶערְן זֶענֶען שוּלְדִיג פַאר'ן מוֹסָד אִיבֶּער אַ מִילְיָאן דָאלֶלֶער**. עֶס זֶענֶען פַארְהַאן עֶלְטֶערְן וָואס מַאכְן זִיךְ נִיטְאַמָאל ווִיסְנְדִיג אוּן זֶענֶען נָאךְ בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי וָואס רוּפְן זֵיי אָן בֶּעטְן מֶען זָאל צָאלְן שְׂכַר לִימוּד כְּדֵי צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי מְלַמְּדִים, טִיטְשֶׁערְס וְכוּ' וְכוּ'.

**מוֹהַרָא"שׁ אִיז דֶער נְשִׂיא הַמּוֹסָד**, עֶר הָאט גֶעגְרִינְדֶעט דִי מוֹסְדוֹת - וֶועלְן מִיר ווַייטֶער טוּן זַיין ווִילְן אוּן נִישְׁט אַוֶועקְשִׁיקְן קֵיין קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וֶועדְלִיג דָאס גֶעלְט.

דֶעריבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר ... זֵייעֶר, דוּ זָאלְסְט יֶעצְט אָנְרוּפְן ... נֵרוֹ יָאִיר וֶועלְכֶער אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעטְרַיי. עֶר אַרְבֶּעט פַאר דִי מוֹסָד אָן קֵיין שׁוּם פְּרִיוָואטֶע נְגִיעוֹת אוּן עֶר הָאט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן בִּיז אַהֶער, יֶעצְט הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ שַׁאפְן גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד צוּ קֶענֶען ווַייטֶער אָנְגֵיין, זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

**אַ גוּטֶע וָואךְ.**

# א שיחה

פון דער

## ראש ישיבה שליט"א



## צוּזַאמְנֶעמֶען צְדָקָה

**אִין אַ שְׁמוּעס ווֶעגן צְדָקָה הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זִיךְ אָנְגֶערוּפְן פַאר אֵיינֶעם וָואס נֶעמְט צָאם גֶעלְט:** עֶס דַארְף דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז לֶעצְטְנְס זֶענֶען דָא נָאךְ יוּנְגֶעלַייט וָואס נֶעמֶען צוּזַאם גֶעלְט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַאר דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן, פַאר הַדְפָּסָה, פַאר'ן כּוֹלֵל וְכוּ' וְכוּ'. דוּ קֶענְסְט אַוַודַאי דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם סַאטְמַארֶער רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן אַ רַב אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג צוּ מַאכְן שַׁבָּת אַן אַפִּיל אִין זַיין בֵּית הַמִּדְרָשׁ פַאר אַ צְדָקָה צְוֶועק, אוּן דֶער רַב הָאט זִיךְ אַנְטְזָאגְט דֶערְפוּן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט מַאכְן דֶעם שַׁבָּת אַן אַפִּיל ווַייל פָאריגֶע וָואךְ שַׁבָּת אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַן אַפִּיל פַאר אַ צְווֵייטֶע צְדָקָה צְוֶועק אוּן מֶען קֶען נִישְׁט בֶּעטְן יֶעדֶע וָואךְ פוּנֶעם עוֹלָם גֶעלְט, הָאט דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: **"עֶס אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, ווִי מֶער מֶען בֶּעט פַאר צְדָקָה, מֶען גֶעווֹאוֹינְט צוּ דֶעם עוֹלָם צוּ גֶעבְּן, אַלְס מֶער גֶעבְּט מֶען, אוּן ווִי מֶער מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ בֶּעטְן, אַלְץ ווֶיינִיגֶער גֶעבְּט מֶען".**

**מוֹהַרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט:** עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ מַגִּיד אִין אַ שְׁטָאט צוּ מַאכְן אַפָּאר דָאלֶער, עֶר הָאט גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֶעלְט; וָואס מֶען קֶען אַלְס טוּן מִיט גֶעלְט, דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה. נָאךְ דִי דְרָשָׁה הָאט עֶר גֶעוַוארְט מֶען זָאל אִים הֶעלְפְן מִיט גְרוֹיסֶע סְכוּמִים, אָבֶּער דֶער עוֹלָם הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט עֶרְוַוארְטֶעט. שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעקוּמֶען אַ צַדִּיק אוּן גֶערֶעדְט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דִיבּוּרֵי תַּכְלִית פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן נָאכְ'ן שִׁיעוּר הָאט אִים דֶער עוֹלָם בַּאוָוארְפְן מִיט גֶעלְט... דֶער מַגִּיד הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט וָואס דָא גֵייט פָאר, פַארְוָואס פַאר אִים וָואס עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוּמְגֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֶעלְט הָאט מֶען נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קֵיין גְרוֹיסֶע סְכוּמִים, ווִידֶערְאוּם פַאר'ן צַדִּיק וָואס הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן גֶעלְט הָאט מֶען גֶעבְּרֶענְגְט גְרוֹיסֶע סְכוּמִים.

הָאט אִים דֶער צַדִּיק דָאס גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין: "דוּ הָאסְט גֶערֶעדְט פוּן גֶעלְט; וָואס מֶען קֶען אַלֶץ טוּן מִיט גֶעלְט, מִמֵּילָא הָאט זִיךְ יֶעדֶער גֶעמַאכְט אַזַא חֶשְׁבּוֹן: 'אוֹיבּ גֶעלְט אִיז אַזוֹי חָשׁוּב ווֶעל אִיךְ דָאס הַאלְטְן טֵייעֶר אוּן נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין דֶערִין', אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נָאר גֶערֶעדְט פוּן תַּכְלִית, תּוֹרָה וּתְפִלָּה, הָאט דֶער עוֹלָם פַארְשְׁטַאנֶען אַז גֶעלְט אִיז נִישְׁט אוּן עֶס אִיז אַ שָׁאד דָאס אַוֶועקְצוּלֵייגְן".

פַארְשְׁטֵיי גוּט פוּן דִי מַעֲשֶׂה נִישְׁט צוּ מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן גֶעלְט; דוּ בֶּעט אַלֶעמֶען ווֶער עֶס ווִיל הָאבְּן דִי זְכִיָּ' צוּ אִינְוֶועסְטִירְן אִין אַן אֵייבִּיגְן גֶעשֶׁעפְט וָואס בְּרֶענְגְט אֵייבִּיגֶע רְוָחִים, ווֶעסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.



# א מעשה
## פון א צדיק

### נִ'ץ דִי עֵצוֹת

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנ"ח): מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעְסְט מִיט אוּנְז, קֶען מֶען זַיין דוּרְךְ דֶעם אַ עֶרְלִיכֶער אִיד אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַ עֶרְלִיכֶע אִיד, אוֹיבּ עֶר וֶועט דָאס וֶועלְן מְקַיֵים זַיין.

פִּירְט דָארְט אוֹיס רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוֹיף דֶעם, אַז דָאס אִיז שַׁיָיךְ הַיינְט אוֹיך, וֶוען מֶען קוּקְט אִין דִי הֵיילִיגֶע שִׂיחוֹת, אוּן מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶוערְט מֶען מוֹרָא'דִיג נִתְעוֹרֵר אוּן עֶס אִיז מוֹרָא'דִיג מְחַזֵק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס בְּפֵירוּשׁ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב): דִי פָּנִים שֵׂכֶל אוּן חָכְמָה פוּנֶעם צַדִיק, אִיז בַּאהַאלְטְן אִין זַיין סֵפֶר.

***

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן עוֹבֵד ה', פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זַצַ"ל, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן שְׁטֶענְדִיג: "אֵיינְמָאל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז שוֹין דָא גֶעוֶוען אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט: עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי 'יִאוּשׁ', אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זִינְקְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוּן עֶס אִיז אִים פִינְסְטֶער דָאס לֶעבְּן, קֶען עֶר אוֹיךְ אַרוֹיסְגֵיין דֶערְפוּן דוּרֶעךְ דֶעם צַדִיק. קֶען שוֹין דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טַאנְצְן פוּנֶעם הִימְל בִּיז דֶער עֶרְד, אוּן פוּן דֶער עֶרְד בִּיזְן הִימְל, עֶס וֶועט אִים שוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן".

עֶר הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ עֶרְלִיכֶער אִיד; רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בֶּער אוֹדֶעסֶער זַ"ל, [עֶר אִיז לֶעצְטֶענְס זַייעֶר בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן וֶועגְן דִי 'פֶּתֶק' פוּן נַ... נַח..., כָאטְשִׁיג דֶער גַאנְצֶע זַאךְ אִיז אַ נַארִישְׁקֵייט, וַוייל וִוי בַּאוואוּסְט הָאט גֶעווא‏וֹינְט אִין טְבֶרְיָא אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד, הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי יוֹאֵל אַשְׁכְּנַזִי זַ"ל, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקֶען וִויאַזוֹי מֶען פַּיינִיגְט אוּן מֶען רוֹדֵפְ'ט אַ יוּנְגֶערְמַאן פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט, בְּלוֹיז וַוייל עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי עֶר גֵייט צוּגְרִינְד, הָאט עֶר אִים אַרַיין גֶעלֵייגְט דֶעם 'צֶעטְל' וְכוּ', אוֹיף דֶער עֶלְטֶער הָאט מֶען זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט דֶערְצוּ, אוּן גֶעמַאכְט אַ גַאנְצֶער עֵסֶק דֶערְפוּן.]

הָאט אִים רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בֶּער זַ"ל אַמָאל גֶעפְרֶעגְט: אִיךְ לֶערְן דָאךְ דֶעם זֶעלְבְּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וִוי אַייךְ, פַארְוָואס בִּין אִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּבְּרָאכְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג, אוּן אִיר זֶענְט שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן אִיר גֵייט אַרוּם מִיט אַ יִישׁוּב הַדַעַת?! הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מִיר לֶערְנֶען טַאקֶע בֵּיידֶע דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אָבֶּער דֶער חִילוּק אִיז, אִיךְ נוּץ דִי עֵצוֹת, אוּן דוּ נוּצְט נִישְׁט דִי עֵצוֹת". וֶועגְן דֶעם אַז מֶען הָאט שוֹין יָא דִי סְפָרִים אִין שְׁטוּבּ דַארְף מֶען טַאקֶע זֶעהְן צוּ לֶערְנֶען דֶערִין, אוּן זִיךְ בַּאנוּצְן מִיט דִי עֵצוֹת.

(קונטרס "אשטארקע אמונה")



# דעם רבינ'ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 34

**פארזעצונג פון פריער:** דִי שִׁיף אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַדַאל פַּאר דְרֵיי טֶעג, פְּלוּצְלִינְג אִיז גֶעקוּמֶען אַ שְׁטוּרֶעם וִוינְט וָואס הָאט אָפְּגֶערִיסְן דִי שְׁטְרִיקְן פוּן דִי אַנְקֶערְס, דִי אַנְקֶערְס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אִין יַם, אוּן דִי שִׁיף אִיז אַלֵיין אַוֶועקְגֶעשְׁוִוימֶען פוּן דָארְט. דִי שִׁיף אִיז אַזוֹי גֶעפָארְן אָן קַיין קָאנְטְרָאל ווִילְדֶערְהֵייט אוֹיפְ'ן יַם דִי גַאנְצֶע נַאכְט, בִּיז אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דִי שְׁטוּרֶעם וִוינְט הָאט זִיךְ אַיינְגֶעשְׁטִילְט. זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן פְרֵיילִיךְ אַז דֶער וֶועטֶער הָאט זִיךְ בַּארוּאִיגְט, אָבֶער זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעפָארְן אוֹיפְ'ן גוּטְן רִיכְטוּנְג, דִי וִוינְט הָאט זֵיי צוּרִיק גֶעשְׁלֶעפְּט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי זֶענֶען ווִידֶער אָנְגֶעקוּמֶען בְּעֶרֶךְ אַ טָאג וַוייט פוּן שְׁטָאט עַכּו. נָאךְ אַ הַאלְבְּן טָאג הָאט ווִידֶער אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ גְרוֹיסֶער שְׁטוּרֶעם וִוינְט וָואס הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן אַוֶועקְגֶעטְרָאגְן דֶעם שִׁיף. דִי שִׁיף הָאט זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט אוּן זִיךְ גֶעוָוארְפְן ווִילְדֶערְהֵייט אוֹיפְ'ן יַם פַּאר עֶטְלִיכֶע טֶעג אוּן נֶעכְט אִין אַ צוּ.

...

דָאנֶערְשְׁטָאג מִיטָאג, אוּם צְוֶועלְף אַזֵייגֶער, הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּשֶׁעפְּן דִי וַואסֶער וָואס הָאט פַארְפְלֵייצְט דֶעם שִׁיף, זֵיי הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן דִי וַואסֶער פוּנְ'ם דְרִיטְן אָפְּטֵיילוּנְג מִיט דִי פְּלָאמְפְּן, אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז.

אִין גֶעוֶוענְלִיכֶע צַייטְן דַארְף מֶען הָאבְּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה אַ טָאג אַרוֹיסְצוּשֶׁעפְּן וַואסֶער, יֶעצְט אָבֶער הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְנֶעמֶען דָאס וַואסֶער אִינְמִיטְן טָאג, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן בִּיז בַּיינַאכְט, סְ'אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען גָאר אַסַאךְ וַואסֶער אִינֶעם שִׁיף, דִי וַואסֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיךְ צוּם רֶבִּינְ'ס שְׁטוּבּ, זֵיי הָאבְּן מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט לִיגְן אוֹיפְ'ן בֶּעט וַוייל דִי וַואסֶער אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז אַהִין, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַארְפְט אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיף עֶפֶּעס אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ זִיךְ דָארְט אַרָאפְּצוּלֵייגְן, אוּן ר' יִצְחָק אִיז אוֹיךְ עֶרְגֶעץ אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען. אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ הָאבְּן זֵיי אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז דִי אַרַאבֶּער זָאלְן זֵיי זֶען.

דִי וַואסֶער אוֹיפְ'ן שִׁיף הָאט זִיךְ פַארְמֶערְט מֶער אוּן מֶער, בִּיז דִי אַרַאבֶּער הָאבְּן גֶעמוּזְט אוֹיסְרַייסְן דִי פְּלָאמְפְּן, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט רֶעדְלֶעךְ אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אַרוֹיסְגֶעשֶׁעפְּט דָאס וַואסֶער מִיט גְרוֹיסֶע כֵּלִים. דֶערְוַוייל הָאט דֶער שְׁטוּרֶעם וִוינְט זִיךְ נָאךְ מֶער גֶעשְׁטַארְקְט, דִי כְוַואלְיֶעס אוֹיפְ'ן יַם זֶענֶען אַרוֹיף כִּמְעַט בִּיזְ'ן הִימְל, סְ'אִיז גֶעוֶוען דָארְט אוֹיפְ'ן יַם אַזוֹי וִוי רִיזִיגֶע בֶּערְג אוּן טִיפֶע טָאלְן, אַזוֹי הָאט עֶס אָנְגֶעהַאלְטְן פַאר דִי גַאנְצֶע נַאכְט.

וֶוען דִי זוּן הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט אִיז ר' יִצְחָק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד, אוּן דָאס מַאכְט מִיר מַמָּשׁ שְׁוֶוער אוֹיפְ'ן הַארְץ. אִיךְ שְׁפִּיר אַז מִיר זֶענֶען יֶעצְט אִין אַ גֶעפֶערְלִיכֶע סַכָּנָה, סְ'אִיז נִישְׁט קַיין פְּשׁוּטֶע מַעֲשֶׂה דָא, אֲפִילוּ אִיךְ זֶע נִישְׁט וָואס זֵיי טוּעֶן אִינְדְרוֹיסְן, אָבֶער מַיין הַארְץ זֶעט יָא". ר' יִצְחָק הָאט עֶס אָבֶער אָפְּגֶעלֵייקְנְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּם רֶבִּי'ן, "הָאט נִישְׁט מוֹרָא, אַלֶעס אִיז בָּרוּךְ ה' אִין אָרְדֶענוּנְג".

דֶערְנָאךְ אִיז ר' יִצְחָק גֶעגַאנְגֶען קוּקְן וִוי מְ'שֶׁעפְּט דָאס וַואסֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז סְ'אִיז דָא אוֹיפְ'ן שִׁיף וִוי אַ גֶעהֶערִיגֶע טַייךְ מִיט קְלֵיינֶע כְוַואלְיֶעס, גֶעוֶוענְלִיךְ קֶען דִי שִׁיף הַאלְטְן צְוֵויי חֲלָקִים פוּן גֶעפֶּעק, אָבֶער יֶעצְט הָאבְּן זֵיי שׁוֹין אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אַלֶע פֶּעקְלֶעךְ אִין וַואסֶער, אוּן דִי שִׁיף אִיז אָנְגֶעלָאדְנְט בְּלוֹיז מִיט וַואסֶער, אוּן דִי וַואסֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען נָאךְ מֶער פוּן וִויפִיל דִי שִׁיף קֶען הַאלְטְן, דָאס הָאבְּן זֵיי יֶעצְט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיסְצוּשֶׁעפְּן, אָבֶער וִויפִיל זֵיי הָאבְּן גֶעשֶׁעפְּט אוּן אַרוֹיסְגֶעגָאסְן, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט נָאכְקוּמֶען מִיט דִי אַרְבֶּעט.



**שטורעמישע וואסערן דרייען כמעט איבער דעם שיף**

דַאן הָאט ר' יִצְחָק אָנְגֶעהוֹיבְּן רִיכְטִיג צוּ בַּאגְרֵייפְן דֶעם שְׁוֶוערְן מַצָּב, אַז בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע אִיז נִישְׁטָא מֶער אַ וֶועג אַרוֹיס לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט פוּנֶעם שִׁיף. עֶר אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶר שְׁטוּבּ מִיט גְרוֹיס פַּחַד, אוּן עֶר הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזֶען הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט, "וָואס גֵייט פָאר? הָאסְט דָאךְ פְרִיעֶר גֶעזָאגְט אַז אַלֶעס אִיז גוּט, אוּן יֶעצְט זֶע אִיךְ וִוי דוּ וַוארְפְסְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פַאר שְׁרֶעק?", עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע אִיז נִישְׁטָא מֶער קַיין וֶועג זֵיי זָאלְן גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן, דִי וַואסֶער פִּילְט אָן דֶעם שִׁיף מֶער אוּן מֶער, דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן הָאבְּן מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ שֶׁעפְּן, וַוייל סְ'אִיז שׁוֹין כִּמְעַט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעגֶעסְן אוּן גֶעטְרוּנְקֶען אָדֶער גֶעשְׁלָאפְן.



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

## שבת פרשת קדושים תשפ"ב

**נפתלי הירצקא וואלנער פארצייטלט:** ש'כח אייבערשטער אז די וואך האב איך געהאט די זכי' צו עסן "א סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א". איך וועל פרובירן צו אראפשרייבן אביסל פון וואס איך האב מיטגעהאלטן כדי צו קענען מיטטיילן פאר די חשובע ליינער.

**א גורל**

דער ראש ישיבה האט געזאגט פרייטאג נאך די גמרא שיעור אז ער קען מער נישט רופן קיין בחורים צו די סעודה, ווייל צופיל בחורים בעטן יעדע וואך אז זיי ווילן קומען עסן די סעודה ביים ראש ישיבה, און אויב דער ראש ישיבה רופט איינעם ווערן די אנדערע בחורים באליידיגט. האט ר' יענקל מפיץ זיך אנגערופן אז אפשר קען מען מאכן א גורל, האט דער ראש ישיבה אים געגעבן די אויפגאבע צו מאכן די גורל יעדע וואך.

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל געווינען די גורל, און ברוך השם, דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איך און נאך צוויי בחורים האבן געווינען די גורל.

**א מחי' רעגן!**

אויפן וועג אהיים פון שול האט זייער שטארק גערעגנט, האט דער ראש ישיבה געזאגט די גאנצע וועג צייט "א מחי' רעגן, א מחי' רעגן".

איך האב געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב דער רבי ברענגט עפעס וועגן רעגן אין ספירה, האט דער ראש ישיבה אז נישט, אבער דער רבי ברענגט יא אז אין חודש מאי (may) ליגט אלע רפואות.

אינמיטן וועג האט מיך דער ראש ישיבה געפרעגט צו איך וועל אפשרייבן די סעודה מיטן ראש ישיבה, און דער ראש ישיבה האט מיך געזאגט פונקטליך וואס צו שרייבן. (ווי ביז אהער).

אינמיטן וועג האט מיך דער ראש ישיבה אנגעכאפט מיט א זעלטענע חביבות און האט דערביי געזאגט אז אמאל ווען איך פלעג קומען שפעט, פלעגט מיך דער ראש ישיבה ווייזן א פנים זועפות, אבער היינט אז איך קום שוין פרי, האט ער מיך זייער ליב.

**נישט צערטלען די קינדער**

אויפן וועג אהיים זענען איינער פון די קינדער פון די אינגלייט וואס האבן באגלייט אוועקגעלאפן די גאנצן צייט, דער אינגערמאן איז אים נאכגעלאפן און אים געצערטלט. האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: "לאז אים אפ, צערטל אים נישט אזוי, אז דו וועסט אים צערטלען וועט ער דיך נישט פאלגן. דער רבי שרייבט אין שיחות הר"ן אז קינדער קושט מען נישט און קינדער שלאגט מען נישט".

אינמיטן וועג האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "דא איז אמאל געווען א ריזיגע פראטעסט קעגן די עירוב, דריי אנגעפילטע גאסן פון הונדערטער מענטשן". האב איך געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב איך מעג טראגן מיט די עירוב האט דער ראש ישיבה געענטפערט אז איך זאל פרעגן מיין דיין.

האב איך געזאגט פאר דער ראש ישיבה אז מיין בעל אכסניא האט מיך געזאגט אז אויב איך טראג מיט די עירוב, דעמאלטס קען איך נישט אריינקומען אין זיין הויז. האט דער ראש ישיבה מיך געענטפערט אז מיין בעל אכסניא מוז נישט וויסן אז איך טראג, פאר דעם האבן מיר דאך די שכל פון רבי'ן.

אינטערעסאנטע זאך וואס איך האב באמערקט אז החתן... וואס וואוינט אראפ סקילמען גייט מיט די גאנצע וועג, א מהלך פון א דריי פערטל שעה, אין די גאס רעגן, כדי צו קענען הערן איין שיחה פון דער ראש ישיבה.

**ליב האט מען דעם אייבערשטן**

דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינער פון די קינדער צו ער האט ליב רעגן, האט ער געענטפערט אז יא. האט דער ראש ישיבה אים געזאגט: "ליב האט מען

<<<<

דעם אייבערשטן! רעגן איז א מחי׳"".

ווען מען איז אנגעקומען אהיים האט דער ראש ישיבה אויסגערופן א ווארעמע גוט שבת! דערנאך האט דער ראש ישיבה געזעצט יעדעם ביים טיש לויט די עלטער.

## סעודה

דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש און געטיילט פאר יעדעם גרעיפ דשוס. נאך קידוש האבן זיך אלע קינדער געשטעלט אין א רייע לויט די עלטער, און דער ראש ישיבה האט געוואשן יעדעמ׳ס הענט. מען האט געגעסן די חלה און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז יעדער זאל אויך עסן דיפס לכבוד שבת קודש!

## גיין צום רבינ׳ס היכל אפילו ס׳רעגנט

איינער פון די קינדער האבן געפרעגט פון דער ראש ישיבה אויב ביי שלש סעודות וועט מען אויך גיין דאווענען אין ישיבה, ווייל עס האט זייער שטארק גערעגנט און די וועג צו ישיבה נעמט בערך א האלבע שעה. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ווען מען וועט ארויפקומען אויף יענע וועלט און מען וועט וועלן גיין צום הייליגן רבינ׳ס היכל, וועט מען דיך זאגן אז מען קען נישט יעצט גיין, ווייל ס׳רעגנט. וועסטו דעמאלסט קענען ענטפערן אז אפילו אין די רעגן בין איך געגאנגען צום רבינ׳ס בית המדרש! און אויב די מלאכים וועלן זאגן אז ס׳שנייט, וועסטו ענטפערן אז אפילו אין די שניי בין איך געגאנגען אין ישיבה דאווענען. און טאמער גייט מען דיך זאגן אז ס׳איז זייער הייס, און די נאנטסטע פלאץ איז די גיהנם, וועסטו זאגן אז אפילו אין די היצן ביסטו אויך געגאנגען אין ישיבה דאווענען, גייט מען דיך לאזן גיין צום רבינ׳ס היכל.

> און טאמער גייט מען דיך זאגן אז ס׳איז זייער הייס, און די נאנטסטע פלאץ איז די גיהנם, וועסטו זאגן אז אפילו אין די היצן ביסטו אויך געגאנגען אין ישיבה דאווענען, וועט מען דיך לאזן גיין צום רבינ׳ס היכל.

איינער פון די קינדער האבן זיך אנגערופן אז מען קען נעמען א שירעם, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "קודם כל א שירעם איז מוקצה. און נאכדעם, האסטו שוין אמאל געזען א סאלדאט, לויפט מיט א שירעם?!"

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אמאל האט זייער שטארק געשנייט, נישט אזוי ווי די לעצטע פאר יאר וואס ס׳איז נישט געווען קיין געהעריגע גרויסע שניי, נאר ס׳איז געווען א שווערע הויכע שניי און דער ראש ישיבה איז געגאנגען דאווענען אין ברסלב מיט מסירות נפש. אויפן וועג האט זיך דער ראש ישיבה עטליכע מאל איבערגעדרייט און דער ראש ישיבה איז אראפגעפאלן אין פארנט פון קליוולאנד בית המדרש, און זיך גאר שטארק צוקלאפט.

מען האט אריינגעברענגט די פיש און דער ראש ישיבה׳ס זון הערשי האט געזאגט אז די וואך דארף ער שוין יא געפילטע פיש, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "ש׳כח אייבערשטער אז הערשי עסט שוין געפילטע פיש".

דער ראש ישיבה האט דערמאנט די קינדער צו זאגן לכבוד שבת קודש. דער ראש ישיבה האט געפיטערט געפילטע פיש פאר די קינדער וואס גלייכן נישט קיין געפילטע פיש. זיי האבן געגעסן א קליינע שטיקל און געזאגט לכבוד שבת קודש.

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה געבעטן איינער פון די קינדער זאלן ארויפשיקן זיין ווייב׳ס גלעזל, דער ראש ישיבה האט עס אנגעפילט מיט סעלצער און גרעיפ דשוס.

איך האב געפרעגט דער ראש ישיבה אויב עס האט א מקור דאס וואס מען זאגט אז מען זאל נישט געבן קיין פיש פאר א קינד ביז ער קען זאגן די ווארט 'פיש'. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז לכאורה איז עס ווייל טאמער די קינד שטיקט זיך חס ושלום אויף א ביין זאל ער קענען שרייען איך שטיק זיך פון פיש.

## שר המשקים

דערנאך האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "ווער גייט זיין שר המשקים די וואך?" דערנאך דער ראש ישיבה האט אויסגערופן אז החתן... גייט זיין שר המשקים די וואך, און ווער עס האט געענדיגט עסן די פיש גייט ער

<<<<

געבן גריפ דשוס מיט סעלצער.

### מען עסט נאר יונגע צוויבל

מען האט אריינגעברענגט די אייער, לעבער און גאלע. דער ראש ישיבה האט מיך געפרעגט צו איך האב ליב כבוד (לעבער)? דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז אין ברסלב עסט מען נישט קיין צוויבל, אבער יונגע צוויבל עסט מען יא.

דערנאך האט מען געזינגען זמירות, ביים פיוט יום זה מכובד האט דער ראש ישיבה געטאנצן מיט די קינדער אין א רינג, דער קליינער יחזקאל האט נאר געוואלט אנכאפן דער ראש ישיבה און ווען אנדערע קינדער האבן אנגעכאפט דעם ראש ישיבה האט ער געוויינט, האט דער ראש ישיבה זיך אויסגעדריקט: "יחזקאל איז א מבין".

### פארברענגט מיט די קינדער

דערנאך האט דער ראש ישיבה געשפילט מיט די קינדער "בחורים פעטש" יצחק דוד האט געדארפט ארויפלייגן זיין הענט אויף דער ראש ישיבה'ס הענט און אוועקשלעפן זיין הענט אז דער ראש ישיבה זאל נישט קענען לייגן אויף זיינע הענט, עס איז געווען עכט פרייליך...

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזינגען מיט די קינדער 'אמאל בין איך געגאנגען אין די לעכטיגע גאסן האב איך געטראפן א איד, האב איך אים געגעבן שלום עליכם האט ער געשריגן ס'איז גוט! אוי ווי גוט צו זיין א איד, אוי ווי גוט צו זיין א איד...'

דערנאך האט דער ראש ישיבה געלייגט זיינע פיאות אין די ברילן ווי אן אלטער איד און געזינגען 'אמאל בין איך געגאנגען אין די טונקעלע גאסן האב איך געטראפן א גוי, האב איך אים געגעבן א פאטש אין זיין פנים האט ער געשריגן אוי!! אוי ווי שלעכט צו זיין א גוי, אוי ווי שלעכט צו זיין א גוי...'

ביי די פיוט **ברוך אל עליון** האט דער ראש ישיבה איבערגעזינגען אסאך מאל '**אשרי אשרי לו**' און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו מיך: "ברסלב האט זייערע נסחאות, און אנדערע חסידות'ער האבן זייערע נסחאות, אבער אין ברסלב זוכט מען נאר ווי מען קען מחזק זיין א מענטש, וועגן דעם זינגט מען אסאך מאל '**אשרי אשרי לו**'"...

> "ברסלב האט זייערע נסחאות, און אנדערע חסידות'ער האבן זייערע נסחאות, אבער אין ברסלב זוכט מען נאר ווי מען קען מחזק זיין א מענטש, וועגן דעם זינגט מען אסאך מאל 'אשרי אשרי לו'"...

דער ראש ישיבה האט געשיקט איינער פון די קינדער פרעגן די מאמע צו ס'איז דא טשאלנט אדער מען קען שוין בענטשן. איז ער צוריקגעקומען זאגן אז ס'איז נישט דא, מען קען שוין בענטשן... האט דער ראש ישיבה געשמייכלט.

### די טשאלנט ווענדט זיך אין די געסט

ביים געבן די טשאלנט האב איך געפרעגט דעם ראש ישיבה צו ס'איז דא א מקור אז טשאלנט ווענדט זיך אין די געסט. האט דער ראש ישיבה געענטפערט אז יא. האב איך געפרעגט ווי איז דער מקור? האט דער ראש ישיבה מיך געענטפערט "דא, ווייל די וואך איז דא אזעלכע חשובע געסט".

דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדריקט אז ס'איז נאך קיינמאל נישט געווען אזעלכע גוטע טשאלנט ווייל די געסט האבן נאך קיינמאל פארדעם נישט געגעסן א סעודה מיטן ראש ישיבה שליט"א.

### שבת איז נישט דא קיין דייעט

דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינער פון די געסט: "פארוואס עסטו נישט, דו גייסט אויף דייעט שבת? שבת איז נישט דא קיין דייעט! א גאנצע וואך קענסטו גיין אויף דייעט, אבער שבת איז נישט דא קיין דייעט!" דער ראש ישיבה האט פארציילט א ווערטל אז איינער האט אמאל געזאגט אז ער וויל נישט גיין אויף א דייעט ווייל ער זעט אז נאר גראבע מענטשן גייען אויף דייעט... ס'איז געווען זייער פרייליך...

### אראפברענגען נשמות

איינער פון די קינדער האבן געפרעגט דער ראש ישיבה צו עס איז אמת אז מען קען נעמען א ביין פון א טויטע מענטש און אראפברענגען נשמות. האט דער ראש ישיבה אים געענטפערט עס איז א לאו אין די תורה, און אין ארץ ישראל איז דא פרייע מענטשן וואס

<<<<

טוען עס, זיי ברענגען אראפ נשמות.

האב איך זיך אנגערופן אז שאול המלך האט אויך אזוי אמאל געטון און אראפגעברענגט שמאול הנביא. האט מיך דער ראש ישיבה געפרעגט פון וואו איך וויס דאס? האב איך געענטפערט אז איך לערן נ"ך. האט מיך דער ראש ישיבה געפרעגט צו איך הער עס אויפן האטליין קול ברסלב? האב איך געענטפערט אז נישט, נאר איך לערן עס אליינס. האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "אזא שאד, ווייל אויף קול ברסלב איז פארגעלערנט גאנץ נ"ך און נאך יעדע פרק האט מען ארויסגעלערנט א מוסר השכל". אבער דערנאך האט דער ראש ישיבה צוריקגעצויגן און געזאגט אז איך זאל עס נישט אויסהערן אויף די האטליין ווייל איך וועל נישט קענען אראפלייגן די טעלעפאון...

דערנאך האט דער ראש ישיבה געוויזן אינטערעסאנטע בילדער אין א בילדער אלבום, איין בילד ווי מען זעט דער ראש ישיבה אלס אינגל פארשטעלט ווי א כהן גדול, איך האב זיך אנגערופן אז דער ראש ישיבה'ס קינדער זעען אויס ממש ווי דער ראש ישיבה אלס קינד. האט דער ראש ישיבה געזאגט: "עס קען זיין ווייל איך בין זייער טאטע".

אינמיטן די סעודה האט יוסף אנגעפאנגען זייער שטארק צו וויינען, ווייל עס האט זיך אים געדאכט אז איינער האט אים געטשעפעט. דער ראש ישיבה האט אים געזאגט ער זאל אויפהערן צו וויינען, אבער ער האט נאר אנגעפאנגען צו וויינען העכער. האט דער ראש ישיבה אים גענומען און ארויסגעטראגן אינדרויסן און צוגעמאכט די טיר.

אביסל שפעטער האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן אז ער הערט מער נישט יוסף וויינען, דער ראש ישיבה האט געשיקט איינער פון די קינדער אריינרופן יוסף אז ער זאל טיילן די אייסעס.

מען האט אריינגעברענגט די אייסעס און יוסף האט געפרעגט יעדעם עקסטער: "וועלכע קאליר דארפסטו?" און מען האט געענטפערט וועלכע מען דארף. דערנאך האט ער געפרעגט: "וואס האסטו ליב?" האט מען געענטפערט 'דעם אייבערשטן'. 'און וואס איז מיט די אייסעס?' די אייסעס עסט מען. אזוי איז געווען ביי יעדעם איינעם.

דער ראש ישיבה האט געזאגט מען זאל ארויפשיקן א אייסעס פאר זיין ווייב, אבער זי האט געזאגט אז זי דארף נישט. האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך וויל עסן אייסעס נאר צוזאמען מיט דיך, אז דו ווערסט נישט עסן וועל איך אויך נישט עסן".

איך האב נאכגעזאגט פון א געוויסער רב וואס האט געזאגט אז קאלטע מאכלים מאכן קאלט די יראת שמים, האט דער ראש ישיבה געפרעגט, צו ביי יענעם רבי אינדערהיים עסט מען הייסע פיש שבת...

### א תורה, א מעשה, אדער א ניגון

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז יעדער זאל זאגן אדער א תורה, אדער א מעשה, אדער זינגען א ניגון. איינער פון די קינדער האבן נאכגעזאגט א תורה וואס דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט ביי שלש סעודות, תורה קס"ה פון ליקוטי מוהר"ן. האט דער ראש ישיבה אים געפרעגט, 'תורה' קס"ה אדער 'סימן' קס"ה? האט ער געפרעגט וואס איז די חילוק? האט דער ראש ישיבה אים מסביר געווען אז די וואס רופן זיך עכטע ברסלב'ע זיי זאגן 'תורה', אבער מוהרא"ש פלעגט זאגן 'סימן'. האט ער געפרעגט, ווי אזוי דארף מען טאקע זאגן? האט אים דער ראש ישיבה געענטפערט "ווי אזוי מען וויל".

דערנאך האט מען געבענטשט, דער ראש ישיבה האט געבענטשט אויפן כוס. נאכן בענטשן האט דער ראש ישיבה געשיקט כוס של ברכה פאר זיין ווייב.

### אויסוואקסן א דיין

א בחור האט פארציילט פאר דער ראש ישיבה אז זיין טאטע וויל ער זאל אויסוואקסן א דיין, און דער בחור האט חוזק געמאכט פון דעם. האט אים דער ראש ישיבה געזאגט מאך נישט חוזק פון דיין טאטע, דיין טאטע וויל אז דו זאלסט אויסוואקסן א ערליכער איד. דו דארפסט נאר זאגן אסאך משניות, זיך היטן די אויגן און נישט קוקן אין קיין טעלעפאון.

### אויפרוימען

דער ראש ישיבה האט זיכער געמאכט אז די בחורים וואס האבן דארט געגעסן זאלן העלפן אויפרוימען, און דער ראש ישיבה האט געפרעגט ווער עס וויל אראפטראגן די גארבידזש. יעדער האט געוואלט, האט דער ראש ישיבה געהייסן החתן... זאל עס אראפטראגן און נישט איך, ווייל איך טראג נישט מיט די עירוב...

שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן א סעודה מיט'ן ראש ישיבה וואו איך האב זיך אזוי סאך געלערנט פאר די לעבן, איך האף איר ווער אויך הנאה האבן, און ארויס נעמען שיינע לימודים פאר די לעבן.

# קלאסיפיידס

ברסלב שטיצט ברסלב

**דירות אין שטעטל פאר שבתים**

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244

יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618

יואל וועבערמאן – 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566

ראובן בירנבוים – 347-549-5625

---

א הערליכע שיינע גרויסע דירה אין שטעטל צו דינגען פאר שבתים

ביטע רופט

646-315-5897

---

Electrolysis, Tinting, Waxing

Please call

N. A. Appeldorfer

845-537-9681

---




---

**Catskill Messenger Service**

**מיר טראגן פעקלעך טעגליך**

קעטסקילס, בלומינגבורג, קרית יואל און מאנסי.

און צוריק ביינאכט

מאנסי, קרית יואל, בלומינגבורג, קעטסקלים, און קרית ברסלב ליבערטי.

פרובירט צו רופן א נאכט בעפאר

ברוך אפעלדארפער

914-705-9524

---

*K B Management*

For all your property and landscaping needs

Call Shlome Yokobowitz

718-306-2448

---

Nearby day camp looking for counsellors, lady's or girls

Transportation provided

Please call 646-315-5897

---

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה

347-578-4449

# קלאסיפייד


## KB Seamstress

**Professional Finish    Best Prices**

Have your job done in 1 week

Special expedite service! have your job done in 2 business days for double price

All prices are given after job is done

Chassunah dresses not accepted

For your convenience we have in stock some basic accessories

Drop off your bag at my door any time with your name, phone number and information I need to know

Looking forward to serve you

Mrs. Weberman - 136 Hsuchke Rd - 845-662-4083

## KB Suites

**הערליכע שיינע נייע אפיסעס צו פארדינגען הארט נעבן שטעטל.**

**פאראינטערסירטע ביטע רופן.**

**845–747–0444**

**מיר פארשפרייטן אלע גליונות וואס קומען ארויס וועכנטליך דורך קהילת היכל הקודש אין אלע היימישע געגענטער, די זכות איז גאר גרויס.**

**צו נעמען א חלק ביטע רופט יענקי פיש**
**917–474–6118**

## KB HEALTH

גרויסע אויסוואהל פון
**כשר'ע ווייטאמינ'ס**
אייך צו האלטן פריש און געזונט

פאר יונג און אלט

We are here to help you choose the right vitamins.



The Zussman Family
**845.293.0418**
KBhealth18@gmail.com

# וואו און ווער זענען זיי?



## שיקט אריין די ענטפער צום רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם קומענדיגן בלעטל**

# בילדער
## אפטיילונג



דער ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל חדר - ג' בחוקותי



ביים שפאצירן מיט די קינדער



אין א שמועס מיט די קינדער



ביים באזוכן קרן הדפסה אין שטעטל - ג' בחוקותי



ביים אדורך קו דעם בלעטל אין בית הדפוס



באזוכט אין סטודיו ווי מען גרייט צו א פרישע סידי טאנץ מיט אמונה



ביים לייגן א מזוזה ביי ר׳ אברהם אלי׳ זעלקאוויטש הי״ו





מתפלל ביים אהל מיט די בחורים - ערב שבת בחוקותי



עצתו אמונה פארברענג אין היכל הקודש העיס אין קרית יואל - ג׳ בחוקותי



דער ראש ישיבה באזוכט היכל הקודש פרימישלאן אין קרית יואל - מאנטאג במדבר ר״ח סיון





ראש חודש סעודה מיטן ראש ישיבה אין היכל הקודש לעיקוואד - א׳ במדבר



בית המדרש אין שטעטל הערליך באצירט לכבוד שבועות



רענט קאמפיין אפגעשיקט בלומען פאר שבועות פאר אלע וואס גיבן פרנס החודש



פרישע כתה אין תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים



א טישל צוגעגרייט מיט אלע גליונות וואס קומט ארויס אין היכל הקודש - ליל ששי במדבר אין בארא פארק



קביעות מזוזה

אין חצר הבית המדרש

שיעור הכנה לשבועות אין היכל הקודש בארא פארק

# בילדער
## אפטיילונג






גאר פרייליכע טענץ מוצאי יום טוב שבועות אין שטעטל



הבדלה מוצאי יום טוב



קידוש לבנה מוצאי יום טוב



די קינדער טאנצן צוזאמען



ווער קען מאכן א קאדאטשקע?